**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/07/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט ערשטער דערגרייכונג פאר ניו יארק'ס "האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם" אזוי ווי מער פון 80 לאקאלע רעגירונגען האבן אנגעהויבן זייערע אפליקאציעס**

***צוואנציג לאקאלע רעגירונגען פון לאנג איילענד, מיד-האדסאן, צענטראל ניו יארק, מערב ניו יארק, מאוהאק וואלי, סאוטערן טיער, נארט קאנטרי און הויפטשטאט ראיאנען אנערקענט פאר זייער פארפליכטונג צו האוזינג וואוקס – 81 לאקאלע רעגירונגען האבן שוין אנגעהויבן אדער פארענדיגט אפליקאציעס ביז היינט***

***האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס וועלן באקומען פריאריטעט העכער אנדערע לאקאלע רעגירונגען צו גענומען ווערן אין באטראכט פאר ביז אזויפיל ווי 650 מיליאן דאלאר אין געלטער איף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי זיי צו פארטיילן; אונטער 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פארשלאג, וועט סערטיפיקאציע פארלאנגט ווערן צו קענען באקומען פון די געלטער***

***בויט ארויף איף גאווערנער'ס לאנג-טערמיניגע סטראטעגיע צו שטיצן האוזינג וואוקס – אריינרעכענענדיג 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אגענדע צו פארגעסערן צאל פון ניו יארק'ס הייזער***

***אפליקאציעס און פראגראם בלאט פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די סערטיפיקאציע פון ניו יארק'ס ערשטע 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' (Pro-Housing Communities) אלס טייל פון איר לאנג-טערמיניגע סטראטעגיע צו שטיצן לאקאלע באמיאונגען צו אויפבויען מער הייזער אריבער די סטעיט. די סטעיט'ס ערשטע 20 האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס רעכענען אריין לאקאלע רעגירונגען אין די לאנג איילענד, מיד-האדסאן, צענטראל ניו יארק, מערב ניו יארק, מאוהאק וואלי, סאוטערן טיער, נארט קאנטרי און הויפטשטאט ראיאנען. די סערטיפיקאציע, צום ערשט אנאנסירט דורך גאווערנער האקול לעצטע יאר אלס טייל פון א רייע פון עקזעקיוטיוו שריט צו פארגרעסערן די צאל הייזער, אנערקענט לאקאלע רעגירונגען וואס זענען פארפליכטעט צו האוזינג וואוקס און גיבט זיי דין קדימה העכער אנדערע לאקאלע רעגירונגען ביים גענומען ווערן אין באטראכט צו באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער איף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי זיי צו פארטיילן. אלס טייל פון איר 2024 סטעיט אָוו די סטעיט רעדע האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן צו פארשטערקערן דעם האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם דורכן מאכן די סערטיפיקאציע אלס א תנאי פאר קאמיוניטיס צו קענען באקומען פון די געלטער איף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת.

"די 20 קאמיוניטיס – און מער פון 60 אנדערע וועלכע האבן שוין אנגעהויבן זייערע אפליקאציעס – נעמען א שטאנד צו בויען א בעסערע, מער בליהענדע, און מער אפאָרדעבעל צוקונפט פאר ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איינציגסטע וועג צו לייזן דעם האוזינג קריזיס איז צו אויפבויען

הונדערטע טויזנטע נייע היימער, און דורך דעם האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם, זעצט מיין אדמיניסטראציע פאר צו שטעלן איר פולקאמע שטיצע, אריינרעכענענדיג ביז אזויפיל ווי 650 מיליאן דאלאר, הונטער קאמיוניטיס וועלכע זענען ערנסט מיט האוזינג וואוקס."

**האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אנאנסירן די ערשטע לאקאלע רעגירונגען צו באקומען סערטיפיקאציע אלס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, און מיר גראטולירן אונזערע רעגירונג שותפים פאר אזא געוואלדיגע עררייכונג. דורכן אוועקשטעלן דאס באקומען סערטיפיקאציע אלס א דירעקטע תנאי צו קענען באקומען פון די 650 מיליאן דאלאר אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת, גיבט גאווערנער האקול א רייץ פאר לאקאלע רעגירונגען צו טוהן מער צו פארגרינגערן די מאנגל אין הייזער וואס ווערט געפיהלט אין יעדן ראיאן פון די סטעיט. די HCR וועט פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט ניו יארק'ס לאקאלע רעגירונגען אויף דעם סערטיפיקאציע פראצעדור, און מיר קוקן ארויס צו אנאנסירן נאך סערטיפייד קאמיוניטיס דורכאויס דעם בעפארשטייעדן יאר."

די 20 קאמיוניטיס וואס באקומען סערטיפיקאציע אלס האוזינג-שטיצנד זענען:

- די סיטי אָוו בינגעהעמטאן (סאוטערן טיער)
- די ווילעדזש אָוו קאנאדזשאָוהערי (מאוהאק וואלי)
- די טאון אָוו קענטאן (נארט קאנטרי)
- די ווילעדזש אָוו קענטאן (נארט קאנטרי)
- The ווילעדזש אָוו קראָטאן-אָן-האדסאן (מיד-האדסאן)
- די טאון אָוו דריידען (סאוטערן טיער)
- די סיטי אָוו דאָנקירק (מערב ניו יארק)
- די ווילעדזש אָוו דזשאנסאן סיטי (סאוטערן טיער)
- די סיטי אָוו קינגסטאן (מיד-האדסאן)
- די טאון אָוו לאָו-וויל (נארט קאנטרי)
- די ווילעדזש אָוו מיניאָולע (לאנג איילענד)
- די טאון אָוו ניוּ לעבאנאן (הויפטשטאט ראיאן)
- די סיטי אָוו ניו ראָושעל (מיד-האדסאן)
- די סיטי אָוו ניובורג (מיד-האדסאן)
- די טאון אָוו נארט עלבא (נארט קאנטרי)
- די טאון אָוו פלאטסבורג (נארט קאנטרי)
- די סיטי אָוו פּוקיפּסי (מיד-האדסאן)
- די ווילעדזש אָוו פולאַסקי (צענטראל ניו יארק)
- די טאון אָוו רעד הוּק (מיד-האדסאן)
- די סיטי אָוו ווייט פּלעינס (מיד-האדסאן)

**<u>האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם</u>**

אין 2023 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן אן עקזעקיוטיוו ארדער צו אוועקשטעלן דעם 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם' כדי צו אנערקענען און באלוינען לאקאלע רעגירונגען וואס ארבעטן אקטיווערהייט צו עפענען זייער פאטענציאל מיט האוזינג און וואס מוטיגן אנדערע זיי צו נאכמאכן. לאקאלע רעגירונגען וואס האבן ערפאלגרייך פארמערט האוזינג וואוקס אדער וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אונטערנעמען וויכטיגע שריט צו שטיצן האוזינג, ווי צום ביישפיל דורכן פארגרינגערן דעם פערמיט פראצעדור און דורכן אננעמען האוזינג-שטיצנדע פאליסיס, און אזעלכע וועלכע האבן אפלייט און אריינגעגעבן קריטישע האוזינג און זאונינג אינפארמאציע פאר די סטעיט, וועלן באקומען אסערטיפיקאציע

פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל וואס וועט זיי מאכן בארעכטיגט צו באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי צו פארטיילן. די שיקול-הדעת פינאנצירונג פראגראמען רעכענען אריין:

- שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative), פארטיילט דורך די סטעיט דעפּארטמענט;
- NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס), פארטיילט דורך די סטעיט דעפּארטמענט;
- ראיאנישע קאונסיל אינוועסטירונג געלטער קאסע (Regional Council Capital Fund), פארטיילט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט;
- 'ניו יארק מעין סטריט' פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל;
- 'מארקעט ניו יארק' אינפראסטרוקטורישע געלטער גרענטס, פארטיילט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט;
- לאנג איילענד אינוועסטירונג קאסע (Long Island Investment Fund) פארטיילט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט;
- מיד-האדסאן שוואונג קאסע (Mid-Hudson Momentum Fund) פארטיילט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט; און
- פובליק טראנספּארטאציע מאדערניזירונג פארבעסערונג פראגראם (Public Transportation Modernization Enhancement Program) פארטיילט דורך די טראנספּארטאציע דעפּארטמענט

לאקאלע רעגירונגען וואס גיבן אריין דאקומענטן וועיזנדיג אז זייער האוזינג מארקעט איז געוואקסן מיט איין פראצענט אין די פארגאנגענע יאר אדער מיט 3 פראצענט אין די פארגאנגענע דריי יאר (אין דאַונסטעיט) אדער מיט 0.33 פראצענט אין די פארגאנגענע יאר אדער 1 פראצענט אין די פארגאנגענע דריי יאר (אין אפּסטעיט) וועלן זיין קוואליפיצירט פאר די סערטיפיקאציע. קאמיוניטיס וועלכע האבן נאכנישט געזעהן האוזינג וואוקס קענען אויך דעזיגינירט ווערן אלץ א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי דורכן אריבערפירן א רעזאלוציע באהויפטנדיג זייער איבערגעגעבנקייט צו האוזינג-שטיצנדע פרינציפּן צוזאמען מיטן אריינגעבן די פארלאנגטע האוזינג און זאונינג אינפארמאציע.

די HCR קוקט איבער פראגראם אפּליקאציעס אויף אן אנגייענדע באזיס, און זיי וועלן גיבן באשטעטיגונג אדער צוריקווייזונג ביז 90 טעג פון ווען זיי ווערן אריינגעגעבן. אפּליקאציעס זענען פארעפנטליכט דא אויף דעם פראגראם וועבזייטל.

**בינגעהעמטאן מעיאר דזשערעד קרעהעם האט געזאגט,** "היינט, איז די סיטי אָוו בינגעהעמטאן אנערקענט געווארן אלס די ערשטע שטאט אין ניו יארק סטעיט צו באקומען די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס טיטל. די אנאנס שטרייכט אונטער יארן פון ארבעט דורך די סיטי צו שטיצן נייע האוזינג פון אלע סארטן, ארבעטנדיג צו צוציהען האוזינג דעוועלאפּערס, גרינגער מאכנדיג קאנסטרוקציע באשטעטיגונגען און העלפנדיג פארווירקליכן די פראיעקטן וואס קומען זיך פאר איינוואוינער. מיט די דעזיגנירונג, איז די סיטי אָוו בינגעהעמטאן יעצט אין א פאזיציע צו באקומען פריאריטעט אין סטעיט גרענט אפּליקאציעס צו פינאנצירן וויכטיגע פריאריטעטן, אריינרעכענענדיג פראיעקטן צו אויפלעבן געגנטער, אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן. הייזער איז אן אינוועסטירונג אין אונזער צוקונפט, און איך קוק ארויס צו די אנגייענדע באמיאונג צוזאמען מיט גאווערנער האקול. בינגעהעמטאן שטעלט אהער דאס וואס עס קומט זיך פאר איינוואוינער — לעבהאפטיגע געגנטער מיט זיכערע היימער פון א הויכע קוואליטעט."

**דאָנקירק מעיאר קעיט וודאָוויעס האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן צוזאמבערענגען די ערשטע האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס צו פייערן אונזער אפיציעלע סערטיפיקאציע. די סיטי אָוו דאָנקירק איז שטאלץ צו זיין צווישן די ערשטע קאמיוניטיס צו זיין טייל פון דעם פראגראם, און מיר קוקן ארויס צו אונזער אנגייענדע שותפות מיט ניו יארק סטעיט."

**קענטאן מעיאר מייקעל ע. דאלטאן, האט געזאגט,** "די ווילעדזש און טאון אָוו קענטאן פארשטייען די עכטע נויט פאר א פארשידענע אויסוואהל פון האוזינג געלעגנהייטן אין אונזער קאמיוניטי. אונזער עקאנאמישע אנטוויקלונג פירערשאפט קאמיטע (Economic Development Steering Committee) האט דורכגעפירט א האוזינג אנקעטע עטליכע יאר צוריק צו זעהן וואס עס פעהלט אויס צו שטיצן אונזערע ביזנעסער און העכערע בילדונג מיטלען. מיר האבן דאקומענטירט די האוזינג נויט אין אונזער ראיאן וואס באטרעפט אלע אונזערע איינוואוינער, פון יעדע עלטער און איינקונפט שטאפל. די ווילעדזש און טאון האבן ביידע אריבערגעפירט רעזאלוציעס, נעמנדיג די האוזינג-שטיצנדע צוזאג דעם פארגאנגענעם הערבסט, וויסנדיג אז מיר דארפן גיבן פריאריטעט פאר האוזינג. מיר זענען שטאלץ צו האבן געווען צווישן די ערשטע קאמיוניטיס צו מאכן די האוזינג-שטיצנדע צוזאג און צו באקומען די טיטל."

**מיניאָולע מעיאר פאול פערעירא האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו מיניאָולע איז שטאלץ צו אנערקענט ווערן דורך ניו יארק סטעיט אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי. מיניאָולע איז געשטאנען אין שפיץ וועג אין לאנג איילענד מיט קלוגע וואוקס און טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט פאר כמעט צוואנציג יאר. די ווילעדזש קוקט ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג צו פארזעצן צו וואקסן אויף א פארנעם וואס שטימט פאר די קאמיוניטי בשעת'ן נאכקומען די וואקסנדע באדערפענישן פאר האוזינג אין לאנג איילענד."

**קענטאן טאַון סופערווייזער, מערי ען עשלי, האט געזאגט,** "די טאון און ווילעדזש אָוו קענטאן'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג גרופע (Canton Economic Development Consortium) און עקאנאמישע אנטוויקלונג פירערשאפט קאמיטע שטייען שוין פאר היבש איבער פופצן יאר. פאר די עטליכע פארגאנגענע יאר איז א הויפט קאנצענטראציע געווען דאס אדרעסירן האוזינג באדערפענישן אין אונזער טאון. א רעקאמענדאציע פון די פירערשאפט קאמיטע איז געווען צו אריבערפירן א האוזינג-שטיצנדע רעזאלוציע וואס פארשפרעכט צו אונטערנעמען פאזיטיווע שריט צו פארלייכטערן דעם האוזינג קריזיס. אום אקטאבער 25, 2023, ביי א געמיינזאמע זיצונג פון יעדע פערטל יאר, האבן די טאון און ווילעדזש אריבערגעפירט א רעזאלוציע וואס דעקלערט אונזער פארזיכערונג צו אונטערנעמען שריט צו אדרעסירן די האוזינג באדערפענישן וואס עקזיסטירן אין אונזער קאמיוניטי. עס איז אונז אן עהרע און מיר זענען דאנקבאר צו האבן אויסגעקליבן געווארן אלס טייל פון די ערשטע האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי דעזיגנירונגען. מיר זענען אמת'דיג דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס און צו שטיצן אונזערע באמיאונגען אין די טאַון און ווילעדזש אָוו קענטאן."

**פלאטסבורג טאַון סופערווייזער מייקעל ס. קעשמען האט געזאגט,** "שטייענדיג אינמיטן פון ניו יארק'ס האוזינג קריזיס, איז דאס נעמען אקטיווע שריט פון פאראויס גאר וויכטיג פאר שטאנדהאפטיגע וואוקס און אפארדעבילעטי. גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט ווייזט זיך ארויס אין אירע אמביציעזע פלענער. דורכן גיבן אן אנרייץ פאר לאקאלע רעגירונגען, קענען מיר צוזאמען אויספלאסטערן די וועג פאר א שטערקערע און מער אפאָרדעבעל צוקונפט. די טאון אָוו פלאטסבורג בלייבט איבערגעגעבן צו גיבן פריאריטעט פאר האוזינג, אן אויפגעבן איר אויטאריטעט צו רעגירן אויף איר אייגענע טעריטאריע. מיט ארומנעמיגע פלענער פאר די באנוץ פון שטח, קלוגע וואוקס פלענער און איבערגעארבעטע רעגולאציעס איבער די צוטיילונג פון פראפערטיס, קענען מיר פלאנירן די ארבעט און ארבעטן אויף די פלאן. מיר זענען געשטאנען אין שפיץ אין לויף פון די לעצטע יארן, און די ארבעט זעצט פאר. מיר זענען שטאלץ צו דעזיגנירט ווערן אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי."

**נארט עלבא טאַון קאונסיל מיטגלידערין, עמילי קילבוירן פאליטי, האט געזאגט,**"די סערטיפיקאציע שפיגלט אפ אונזער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אריינוואוינער, שטאנדהאפטיגע געגנטער און פארבעסערן צוטריט צו האוזינג פון א הויכע קוואליטעט פאר אלע איינוואוינער. עס איז נאך דא מער צו ערגרייכן, און מיר קענען נישט ווארטן צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע צו פאראויס גיין מיט די האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי אינציאטיוו."

<u>**גאווערנער האקול'ס לאנג-טערמיניגע האוזינג סטראטעגיע**</u>

גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן גיבן פאר לאקאלע רעגירונגען די כלים וואס זיי דארפן צו קענען פארגרעסערן די צאל פון זייערע הייזער, באשיצן יעצטיגע און צוקונפטיגע טענאנטס און היים אייגנטימער און דאס צו גרינגער מאכן צו צוקומען און אפלייען פאר אפאָרדעבעל האוזינג. אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט די גאווערנער אנאנסירט מאסנאמען צו העלפן ניו יארק סיטי אדרעסירן איר האוזינג מאנגל; א 500 מיליאן דאלארדיגע קאסע צו ערמעגליכן ביז אזויפיל ווי 15,000 יוניטס פון האוזינג צו געבויט ווערן אויף לאנד אין די סטעיט אייגנטום; און שריט צו באקעמפן דיסקרימינאציע קעגן ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט וואס נוצן סעקשען 8 האוזינג וואַוטשערס און אפאָרדעבעל האוזינג פראָווייַדערס. די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג רעכנט אויך אריין מאסנאמען צו נאך מער פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר היים אייגנטימער און פאמיליעס קעגן אייגנטום שטר גניבות.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418